**לכל ישראל האיר: יעדער האָט כוחות – מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי עס אויסצושלייפן**

מה נהדר הי' המראה. עס איז געווען אַ הערליך בילד דעם ל"ג בעומר צו צוקוקן די ריזיגע רינגען פון שטראַלענדיגע פנים'ער, וועלכע זענען געשפרינגען און געשטראַלט מיט אַ זעלטענע פרייליכקייט, צו די לעבעדיגע ניגונים, וועלכע האָבן אָפּגעהילכעט אין דעם העסק צענטער – אין די יערליכע ל"ג בעומר פּראָגראם, וואו מענטשן לעבן אויף, ווערן ממש איבערגעענדערט מן הקצה אל הקצה. געוועגליך צוריקגעצויגענע כאַראַקטערן, ווערן מיטגעשלעפּט מיט די הערליכע זינגער, קלינגעדיגע מוזיק, און שליסן זיך אָן אין די פליעדיגע טאַנץ-ראָדן.

עס איז שוין אַ יערליכער איינפיר אין העסק צוזאַמענצונעמען הונדערטער קינדער און ערוואַקסענע וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין די פאַרשידענע העסק סערוויסעס, אינאיינעם מיט נאָך אַ גרויסע צאָל וועלכע געניסן פון ענליכע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך אַנדערע אַגענטורן אין ניו יאָרק, און זיי אַרויסצופירן אויף אַ הערליכן ל"ג בעומר פאַרברענג אין אַ פּאַרק, וואָס ווערט ספּעציעל רעזערווירט פאַר דעם צוועק, און מען שטעלט דאָרט צו אַ הערליכע, לעבעדיגע ל"ג בעומר פּראָגראַם.

היי-יאָר, צוליב די רעגנדיגע וועטער, האָט מען אין די לעצטע טעג געדאַרפט טוישן די פּלענער, און דער פאַרברענג איז פאָרגעקומען אינעם העסק צענטער אין פלעטבוש. אָבער די לעצט-מינוטיגע ענדערונג האָט גאָרנישט פאַרמינערט פון די לעבעדיקייט און הערליכקייט פון דעם פאַרברענג, און פון די פרייליכקייט וואָס עס האָט אַריינגעברענגט אין די קינדער. עס איז ממש נישט צום גלייבן, וואָס פאַר אַ עמערס חיות עס גיסט אַריין אין די באַטייליגטע: "מען דאַרף אַליין קומען זען די שמייכלעך אויף די קינדער," זאָגט אונז אַן אָנוועזנדער וועלכער איז שוין לאַנגע יאָרן אין דעם פעלד פון חינוך מיוחד, אָבער אַזאַ הערליכע ערשיינונג האָט ער נאָכנישט געזען.

די הערליך צוגעגרייטע פּראָגראַמען, העפטיגע שפּילעריין, און די אויסגערופענע בעלי מנגנים און מוזיקאַנטן, האָבן אויפגעלעבט די אַטמאָספערע, און אויפגעלאָכטן די באַטייליגטע, וועלכע קוקן

אַרויס אויף אַזעלכע פאַרברענגען וואָס לייכט אַריין אין זייערע זעלן מוט און חיזוק שטראַלן וואָס באַגלייט זיי אויף אַ לאַנגע צייט.

דער תנא אלקי ר' שמעון בן יוחאי האָט אויפגעלאָכטן דעם כלל ישראל. לכל ישראל האיר, יעדן אידן, באשר הוא שם עד סוף כל הדורות, האָט דער בעל הילולא באַשיינט מיט די טיפזיניגע סתרי תורה וואָס ער האָט אַנטפלעקט, און גלייכצייטיג אַרויסגעברענגט די חשיבות און טייערקייט פון יעדן איד, ווי די ספרים הקדושים זאָגן אַז ר' שמעון איז לכל, ער העלפט יעדן איד אָן קיין אויסנאַם. ווי פּאַסיג איז דער טאָג צו באַלייכטן אָט די טייערע פּערזאָנען, וועלכע לעכצן נאָך אַ שיין פון האָפענונג, און לעבעדיקייט, וואָס זאָל אַרויסברענגען זייערע טיפע, אינערליכע, אָפט מאָל פאַרבאָרגענע געפילן און כוחות הנפש.

די לעבעדיגן ניגונים "אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל" און "בר יוחאי" הילכען אָפּ אינעם הערליכן האָריזאַנט. בעת די מאַסן ברעכן אויס אין הילכיגע קלאַטשערייען, געזאַנג און טענץ. עס איז זיך נישט צו גלייבן ווי הונדערטער ענטוזיאַסטישע, דיסעיבעלד מענטשן, קאַנצלערס, העסק אָנגעשטעלטע און די געטרייע פירער פונעם העסק צענטער, שליסן זיך ספּאָנטאַן אָן האַנט ביי האַנט און שפּרינגען אין די לופט, מיט אַ פרייד וואָס פליסט איבער אַלע ברעגן, און ברענגט אַרויס און לעבט אויף די אינערליכע סטרונעס.

עטליכע העסק מיטגלידער שפּרינגען אויך אַרויף אויף די סטעידזש, און שטעלן זיך צו די מיקראָפּאָנען און העלפן אַרויס מיט די געזאַנגען און שפּילערייען - וועלכע ווערט געפירט דורך די באַרימטע חברה "מקימי", וועלכע האָבן שוין זוכה געווען מחיה צו זיין און מחזק זיין הונדערטער מענטשן. אויך קען מען זיך נישט זעטיגן פון די זיסע, שיינע קלאַנגען פון די באַרימטע זינגער, נחמי' בראָדט און שלמה טויסיג.

אַ שטילקייט באַהערשט די זאַל ווען הילד שלמי קאָהן פון וויליאַמסבורג – אין באַגלייטונג פון זיין געטרייען רבי ר' שלמה היימאַן - נעמט איבער די מיקראָפאָן, און זינגט פאַר מיט זיין זיס, באַ'טעמ'ט קול וואַרימע אידישע לידער, ווי אויך לעבעדיגע ניגונים, ווען די אַלע פאַרזאַמעלטע

זינגען אים נאָך, און ווערן צוגעצויגן צו די הערליכע שטימע און אינהאַלט-רייכע ניגונים וועלכע רירן אָן די טיפסטע סטרונעס. נאָכן זינגען דערקענט זיך די פאַרגעניגען פון די באַטייליגטע, וועלכע ברעכן אויס אין הילכיגע יובעלירייען און אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס הערליך בילד – ווי אפילו מענטשן וועלכע זענען פיזיש באַגרעניצט שטרענגן זיך אָן מיטצוהאַלטן די טענץ, ווערנדיג צוגעהאָלפן און אונטערגעפירט דורך זייערע פריינט און קאַונסלערס - צולאָזט שטיינערנע הערצער, און טוט דורכבויערן איינגעשפּאַרטע כאַראַקטערן.

איבערגענומען פון געפילן, טרעט אויף הרב דאָקטאָר חיים וואַקסלאַק, קלינישער דירעקטאָר פונעם העסק צענטער, צום מיקראָפאָן, און דערציילט די מעשה פון ל"ג בעומר, ווי ר' שמעון איז געווען אין די מערה דרייצן יאָר צוליב די גזירה, אָבער ער האָט דאָרטן באַוויזן מגלה צו זיין די גרעסטע ליכטיקייטן. ער רעדט פון דעם תנא אלקי'ס זכותים וועלכע באַגלייטן אידן אין אַלע דורות, און די באַהאַלטענע כוחות הנפש וואָס ליגט אין יעדן איד, וואָס ווערט מבואר אין די ספרי הזוהר. מען דאַרף נאָר טרעפן יעדן'ס פּאָטענציעלע און באַהאַלטענע כוחות, און עס אויסשלייפן, צו פאַרזיכערן אַז יעדער דערגרייכט די מאַקסימום לויט זיינע כוחות הנפש וואָס מ'האָט אים באַשאָנקן.

ווי געגאָסן איז דאָ די מעשה וואָס חז"ל דערציילן אונז אויף ר' עקיבא, וועלכער האָט נישט געקענט קיין לערנען ביז די פערציג יאָר. ביז ער האָט געזען אַ גרויסן, האַרטן שטיין, וואָס ווערט דורכגעבויערט דורך טראָפּנס רעגן. עס פאַלט אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ און עס קוקט נישט אויס ווי עס קען עפּעס טאָן, אָבער ווען מען פאָלגט עס נאָך במשך טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, זעט מען אַז צוביסלעך ווערט אויך דער פעלזן-שטיין דורכגעלעכערט.

דער מוסר השכל וואָס דער שפּעטערדיגער תנא ר' עקיבא האָט אַרויסגענומען, איז געווען אַז אַ איד קען נישט זאָגן איך וועל שוין נישט קענען, איך האָב שוין נישט קיין האָפענונגען אויף אַ בעסערע צוקונפט. מען קען נישט זאָגן בלויז ווייל איינער זעט אויס צו זיין שוואַכער און

באַגרעניצטער קען מען גאָרנישט טאָן. ניין, האָט ר' עקיבא אונז געלערנט, מען דאַרף פּרובירן און טאָן, ביז דער אייבירשטער העלפט אַז עס ברענגט די געוואונטשענע רעזולטאַטן.

אַדאַנק די מעשה – און דער מוסר השכל נישט צו הייבן קיין הענט און אויפגעבן האָפענונגען - האָט כלל ישראל זוכה געווען צו אַ תנא ר' עקיבא, און צו זיינע גרויסע פינף תלמידים וואָס איינער פון זיי איז געווען ר' שמעון בר יוחאי. אַדאַנק אָט דעם שטיין האָבן מיר זוכה געווען צו די גילויים און תורה הנגלה און סתרי תורה, און צו די געוואַלדיגע זכותים און אורות פון וואָס כלל ישראל געניסט במשך אַלע דורות פון אָט גרויסע תנאים, די פינף תלמידי ר' עקיבא וועלכע זענען געבליבן פאַרן כלל ישראל.

אשריכם ישראל: וואויל איז פאַר כלל ישראל אַז עס זענען היינט דאָ אידן וואָס פּראַקטיצירן אויך דעם כלל ווען עס קומט צו די דיסעיבעלד מענטשן. זיי ווייסן אַז יעדער האָט האָפענונגען, יעדער האָט כוחות וואָס מען קען אויסנוצן, יעדער האָט אייגנשאַפטן וואָס מען קען אויפאַרבעטן, יעדער האָט געפילן מיט וואָס מ'דאַרף זיך רעכענען, און יעדער האָט געברויכן וואָס מען דאַרף נאָכקומען.

העסק צענטער שטייט פאַר דעם צוועק, און איז געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ. אַלע אירע אָפּטיילונגען זענען אַוועקגעשטעלט אויפצואַרבעטן די כשרונות און מעגליכקייטן פון יעדן מענטש צו די מערסטע וואָס נאָר מעגליך, כדי ער זאָל שפּירן אַ טעם אין לעבן. מען גיט זיך אָפּ מיט יעדן מיט האַרץ, געפיל, און מיט די בעסטע מעטאָדן, צוגעפּאַסט צו יעדן'ס אייגנאַרטיגן צושטאַנד. דאָרט ווייסט מען ווי אַזוי צו גיסן די טראָפּענס וואַסער. יעדע פּראָגראַם, און יעדע פעולה איז אויסגעשטעלט מיט די מערסטע מחשבה אויסצושלייפן די געניסער, און זיי צו געבן אַ סיפוק החיים, דורך פאַרשטיין זייער האַרץ און געברויכן, און נאָכקומען זייערע הרגשים.

ווי גליקליך זענען די עלטערן, משפחה מיטגלידער, און די העסק אָנגעשטעלטע ווען מען זעט די שטוינענדע רעזולטאַטן. מען זעט ווי אַ פאַרשלאָסן זעל ווערט דורכגעבויערט, נאָכן פאַרברענגן אין די וואַרימע, האַרצליכע העסק אַטמאָספערע, ווי אַלע אָנגעשטעלטע זענען פערזאָנען מיט

ליבליכע געפילן וועלכע זענען איבערגעגעבן פאַר די מיטגלידער בלב ונפש, און האָבן ערפאַרונג און די קענטעניסן ווי אַזוי זיי צו העלפן שטייגן.

ל"ג בעומר – וואָס איז אַ פרייליך טאָג ביי אידן, און מען פרייט זיך אויף די תלמידי ר' עקיבא וואָס זענען פאַרבליבן און האָבן באַשיינט די וועלט, און ספּעציעל וואָס אין זיין יום ההילולא האָט רשב"י אַראָפּגעברענגט געוואַלדיגע אורות. אויך לערנט מען אַרויס פון די פּאַסירונג מיט די תלמידי ר' עקיבא אַז מען דאַרף נוהג כבוד זיין מיט יעדן מענטש – איז אַ פּאַסיגע צייט, און עס ווערט אויסגענוצט דורך העסק צו באַשיינען אָט די מענטשן וועלכע לעכצן נאָך שטראַלן פון וואַרימקייט, און אַריינצוברענגען אין זיי זעלבסט-ווירדע, דורך וואָס זיי פאַרברענגען לעבעדיג און פרייען זיך צוזאַמען, זייענדיג אַן אינטעגראַלער טייל פון די אַקטיוויטעטן.

ווי שיין איז צו צוקוקן ווי מענטשן פליען דאָ מיט די טענץ – טייל אויף די אייגענע פיס, אַנדערע מיט די הילף פון אַנדערע, און געוויסע דרייען זיך די רעדער פון זייער וויל-טשעיר מיט די רינגען - מיט אויפגעהייטערטע געמיטער.

די העסק פירער שעפּן תענוג צו זען פרי עמלם, ווען די פאַרזאַמעלטע שפּילן זיך לוסטיגערהייט, מיט די לעבעדיגע געימס, זייענדיג אָנגעטאָן אין די ספּעציעל העסק העמדלעך וואָס מאַכט זיי אַלע אויסזען און זיך שפּורן אַלס אַ טייל פון די פאַרזאַמלונג, און עס העלפט אַרויסנעמען פון זיי דעם געפיל אַז זיי זענען אַנדערש פון יעדן און קענען נישט אַנטייל נעמען און עפנטליכע פאַרברענגען. ווי הערליך איז דאָס בילד ווען מען זעצט זיך אויפעסן די מיטאָג-מאָלצייט וואָס ווערט מיטגעברענגט פאַר די באַטייליגטע, ווען מען זעט אויף זיי אַן אמת'ע צופרידנהייט, און זיי לעבן נאָך פון די שיינע פראָגראַם.

זאַט פון די אַפּעטיטליכע סעודה וואָס זיי האָבן נאָרוואָס געענדיגט, זעט מען שוין אויף די באַטייליגטע זייער לעכצוג אויף דעם ווייטערדיגן סדר היום. נאָך איידער מען האָט זיך צוריק אַרויסגעלאָזט אין געזאַנגען, זענען זיי שוין געווען אויף די פיס, און געוואַרט אַז די מוזיק זאָל

צוריק אָנהייבן שפּילן, און די טענץ זאָל צוריק אַריין אין די פולסטע טעמפּאָ. די טאַנץ-ראָדן האָבן זיך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו דרייען, בעת דער ציבור ווערט אַריינגעשלעפּט דערין.

די פיס הייבן זיך פון זיך אַליין, בעת די הערצער שטראָמען פון שמחה און תענוג. אַלעס האָט מיטגעשפּילט. עס האָט אויסגעקוקט ווי דער גאַנצער אַרום און די גאַנצע געביידע טאַנצט מיט. דער מעמד וועט האָבן אַ ווייטגרייכנדע השפעה אַריינצוגיסן חיות אין די באַטייליגטע, און אויפבויערן זייער זיכערקייט און זעלבסטשטענדיקייט.

בעת אין אַנדערע פלעצער האָט מען געצינדען הדלקות אַלס זכר צו די ליכטיקייט וואָס רשב"י האָט אַראָפּגעברענגט אויף די וועלט אין זיין יומא דהילולא, האָט אינעם העסק צענטער געפלאַמט אַנדערע אבוקות של אור. אידישע נשמות האָבן זיך געוואַרימט און געשיינט, אַדאַנק די ליבשאַפט און פרייליכקייט וואָס איז אַריינגעפלאָסן אין זיי. לכל ישראל האיר!